גליון קל'

פרשת וישב
תשפ"ה

# באר חיינו

גליון שבועי לאנ"ש חסידי סקאליע

י"ל ע"י:
מכון באר יצחק
מסקאליע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## תוכן הגליון

דברות קודש.....א
משולחן המערכת.....ד
עם כ"ק אדמו"ר מוואסלוי.....ו
בקודש פנימה.....י
זמנים לחנוכה.....יב

# דברות קודש

**וישמע ראובן ויצלהו מידם ויאמר לא נכנו נפש (לז, כא).** י"ל ע"פ מ"ד בגמרא (מכות י.) וז"ל, אמר רבי תנחום בר חנילאי מפני מה זכה ראובן לימנות בהצלה תחלה, מפני שהוא מקלט תחלה, רש"י) שנאמר וישמע ראובן ויצלהו מידם, ע"כ. ואיתא במדרש (ב"ר פד, טו) וז"ל, אמר לו הקב"ה אתה פתחת בהצלת נפשות, חייך שאין מפרישין ערי מקלט תחילה אלא בתחומך הה"ד (דברים ד, מג) את בצר במדבר (בארץ המישור לראובני), ע"כ.

הרי דבזכות שהציל ראובן את יוסף זכה שבחלקו הופרש ערי מקלט בתחלה להצלת נפשות. ונרמז במקרא קודש ענין זה, כי תיבות אלו וישמ"ע ראוב"ן ויצלה"ו מיד"ם ויאמ"ר ל"א נכנ"ו נפ"ש גימטריא בז"ה זכ"ה ל"ו בצ"ר במדב"ר באר"ץ המיש"ר לראובנ"י עה"כ. עוד יש לרמז כי ראובן פתח בהצלה תחילה באמירת תיבות אלו לא נכנו נפש, וג' תיבות אלו ל"א נכנ"ו נפ"ש גימטריא בז"ה זכ"ה בצ"ר במדב"ר עה"כ, וליכא מידי דלא רמיזא באורייתא.

**היה רועה את אחיו בצאן והוא נער את בני בלהה (לז, ב).** איתא במדרש (תנחומא ישן סי' כא) עה"פ (בראשית לט, א) ויוסף הורד מצרימה, שלש מדות היו בו, בן תורה, ונביא, ואת אחיו מכלכל. בן תורה שכן כתיב (בראשית לז, ג) כי בן זקונים הוא לו, וכתיב (דברים לב, ז) שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך. ומנין שהוא נביא שנאמר והוא נער את בני בלהה וגו', וכתיב (שמו"א ג, כה) ויגדל הנער שמואל. ומנין שהוא זן את אחיו שנאמר (בראשית נ, כא) ועתה אל תיראו אנכי אכלכל אתכם וגו'. הרי שהי' רועה את אחיו בתורה ובמזון ובנבואה, וג' דברים אלו רמוזים במקרא קודש הזה, כי הי"ה' רועה' את' אחיו' בצאן' והוא' נער' ס"ת אותיות ההתוצא"ר, יש בהם אותיות תור"ה, ואותיות הנשארים הם הנ"א גי' ז"ן עה"כ, הרי תורה ומזון, וגם א'ת א'חיו ב'צאן ו'הוא נ'ער א'ת ב'ני ר"ת גי' נבי"א.

**וישראל אהב את יוסף מכל בניו (לז, ג).** איתא בשל"ה הקדוש (תורה שבכתב נאן יוסף) כי חנוכה הוא בחי' חנוך. ויוסף הצדיק הי' נשמת חנוך בסוד (בראשית לז, ב) והוא נער (שער הגלגולים הקדמה לא). וגם אצל חנוך שר העולם נאמר (תהלים לז, כה) נער הייתי גם זקנתי. שזר העולם אמרו כדאיתא בגמרא (יבמות טז:). נמצא כי חנוכה נמשך מקדושת יוסף, ולכן קורין הפרשיות של יוסף בימי חנוכה דייקא. ובזה רמז **מורי זקיני מרן אדמו"ר הקדוש זצללה"ה זי"ע** עה"פ (בראשית לט, ד) וימצא יוסף חן. פי' שיוסף המציא והמשיך בחינת ח"ן שנוטריקון נ"ר ח'נוכה, רמז שמקדושת יוסף נמשך האור של חנוכה, ע"כ.

וז"ש וישראל אהב את יוסף, רומז על חנוכה שנמשכה מקדושת יוסף כנ"ל, ר"ל איש הישראלי חביבין עליהן דברי סופרים יותר מיינה של תורה (ע"ז לה.), פי' שמחבבין את יוסף היינו חנוכה כנ"ל, יותר מכל בניו, פי' מכל המצות שהן מקיימים שנקראים בניו ממש כמ"ש (ב"ר ל, ו, מובא ברש"י ר"פ נח) עיקר תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים. ולמה חנוכה מצוה חביבה (רמב"ם הל' חנוכה פ"ד הל' יב). כי בן זקונים היא לו, פי' מצות זקיניס שהיא מצוה דרבנן. ועשה לו כתנת פסים. פי' רש"י ז"ל כלי מלת. רמז על מנהגינו ללבוש בגדי שבת בעת ההדלקה. ועוד יש רמז שהיא הכנה לגאולה העתידה לבוא, כי פסי"ם גי' ק"ן כמ"ש (תהלים קלב, יז) ערכתי נר למשיחי.

**טרף טרף יוסף (לז, לג).** יצאה נבואה מפיו של יעקב אע"ה, כי סיבת מכירת יוסף גרם שיהי' להם טרף ומזון בימי הרעב, וזהו טרף טרף יוסף, כי הוא המשביר לכל עם הארץ, וזה יתקיים ע"י שפרעה יתן אותו על ארץ מצרים ויקרא שמו צפנת פענח. ואיתא במ"ר (במדב"ר פי"ח פ' כא) ה' כפולות הן מנצפ"ך, וכולן לשונות של גאולה הן, פ' בו נגאל יוסף שנאמר (בראשית מא, מה) ויקרא פרעה שם יוסף צפ'נת פ'ענח. וע"כ נרמז כאן בס"ת טרף' טרף' כפול פ', או טרף' יוסף ג"כ כפול פ', לרמז על ענין הנ"ל, כשיקרא שמו צפנת פענח, אז יתקיים בו טרף טרף יוסף, שישביר ויכלכל טרף ומזון לכל הארצות.


# חלק מהוצאת הגליון השבוע

נתנדב ע"י ידידינו

## ר' משה ליכט הי"ו

לרגל שמחת נישואי בתו הכלה תחי' למז"ט בעשטומ"צ

ויה"ר שיזכו לבנות בית נאמן בישראל מתוך שמחה והרחבת הדעת

וע״כ נרמז ג״כ בס״ת בני׳ חיה׳ רעה׳ אכלתהו׳ אותיות שם הוי״ה ב״ה, לרמז כי מאת ה׳ היתה זאת עם כי היא נפלאת בעינינו איך נסתבב שהשבטים הקדושים יעשו דבר כזה, וגם נרמז צירוף יהה״ו דייקא, שיוצא מר״ת כי אם בזאת י׳תהלל ה׳מתהלל ה׳שכל ו׳ידוע אותי (ירמי׳ ט, כג) כנודע, כי ע״י מכירת יוסף נגרם ירידת ישראל למצרים, ושמה נזדככו ע״י יסורין וזכו לקנין תורה, שאין התורה נקנית אלא ע״י יסורין (ברכות ה.).

נמצא כי זכו ע״י שיעבוד מצרים לבחי׳ השכל וידוע אותי ע״י קבלת התורה, וזהו בני חיה רעה אכלתהו, ר״ל שע״י קבלת התורה שהוא מדתו של יעקב נקראים בני ישראל ע״ש יעקב, ועל כן אמר ״בני״ חי׳ רעה הוא היצה״ר יהי׳ נאכל ונשרף ע״י אש התורה של בית יעקב אש (עובדי׳ א, יח), רצ״ל מי שהוא בבחי׳ בן יעקב היינו בן תורה, אוכל ושורף את החי׳ רעה שהוא היצה״ר בלהב של תורה.

**ויהי יוסף יפה תאר ויפה מראה (לט, ו).** יוסף הצדיק הי׳ יתום מאמו, על כן המשיך עליו הקב״ה שישא חן בעיני כל רואיו כמאה״כ (תהלים קמו, יא) יתום ואלמנה יעודד, ונאמר (הושע יד, ד) אשר בך ירחם יתום. וזה שאמר הכתוב ויהי יוסף י׳פה ת׳אר ו׳יפה מ׳ראה ר״ת יתום, שזה הי׳ הסיבה שהקב״ה המשיך עליו חן.

**ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו (מ, כג).** לכאורה תיבת וישכחהו היא מיותר. כי כבר אמר ולא זכר וגו׳. י״ל ע״פ מ״ד בגמרא (סוכה מה.) שבשעה שמקיפין את המזבח אומרים אני והו הושיעה נא. ופירשו בתוס׳ שם (ד״ה אני והו) משום דדרשינן באיכה רבתי (בהקדמה פ׳ לד) קרא דכתיב (יחזקאל א, א) ואני בתוך הגולה. וקרא דכתיב (ירמי מ, א) והוא אסור בזיקים. כביכול הוא בעצמו, והיינו שיושיע לעצמו, ע״כ.

ואיתא במכילתא (בא מסכתא דפסחא פי״ד) כל זמן שישראל משועבדים כביכול שכינה עמהם כו׳ ונאמר (ישעי׳ סג, ט) בכל צרתם לו צר. אין לי אלא צרת צבור, צרת יחיד מנין ת״ל (תהלים צא, טו) יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה. ואומר (בראשית לט, כ) ויקח אדני יוסף אותו ויתנהו אל בית הסהר וגו׳ ויהי ה׳ את יוסף ע״כ. הרי דהקב״ה הי׳ כביכול עם יוסף בבית האסורים. וז״ש ולא זכר שר המשקים את יוסף, וישכחה״ו אותיות י״ש כ״ח וה״ו. פי׳ כי השכינה שהיתה עמו גאל אותו משם.

**ויהי ה׳ את יוסף (לט, ב).** י״ל ע״פ מ״ד בילקוט ראובני בשם מקובלים וז״ל, ויהי הוי״ה את יוסף, ר״ל שניתוסף שם הוי״ה לשם יוסף, ונעשה גימטריא יעק״ב. שהוא דמות דיוקנו שנראה לו בכל יום. ונרמז במקרא קודש הזה, ויה״י הוי״ה א״ת יוס״ף גימטריא כ״י הי״ה רוא״ה דיוק״ן יעק״ב במספר מכוון.

# משולחן המערכת

## גילויים בפורסם ראשון

**תודתינו נתונה לידידינו הרה"צ ר' שמואל שמעלקי לייפער שליט"א**

נו"נ רבוה"ק זי"ע ויו"ר מכון 'אור המאיר'

שהמציא לנו המסמכים לזכות את הרבים. תשואות חן חן לו.

ב"ה

**מודעה.**

אז כ"ק הרב הצדיק ר' יצחק אײַזיקל שליטא מסקאלע, אונגארישער רבי, וואס וואוינט אין ווין, איז געקומען קײַן קעשענעװ, און וועט זיך דא ניט לאנג פארזוימען. על כן זאלט איר תיכף קומען צום רבין שליט"א מקבל זײַן די ברכה, און איר וועט בעז"ה, געהאלפן ווערן בכל בקשתכם לטובה. דער רבי שליט"א שטעהט אצל אחיו הרב הצדיק שליט"א, יאקימאװסקי נום. 5, צווישן די טויערן.

החסידים.

**מודעה**

אז אדמו"ר הרב הצדיק שליט"א מסקאליר (אונגארישער רבי) בלײַבט בײַ אונז אין קעשענעוו ימים-נוראים און וועט דאווענען אין א זאל אויף אלעקסאנדראװסקי 63.

ע"פ ווער עס וויל אין די הייליגע טעג דאווענען בײַם רבי'ן, זאל זיך באלד קומען געמען שטעט. עס איז דא פאר מענער און פרויען. די שטעט ווערן געגעבן אויף אלעקסאנדראװסקי 36 בבית הרב.

פורסומים בכתבי העת של העיר קעשינוב, אודות ביאת מרן רביה"ק זי"ע לביקור הוד בקרב תושבי העיר

(מי שיודע עוד פרטים אודות ביקור זה יפנה למערכת)




'תעודת לידה' של הרבנית אסתר דבורה ע"ה - שנת תרנ"ז - בעיר בורשטין

# שיחות קודש

## ביקור כ"ק אדמו"ר מוואסלוי שליט"א
### בקודש פנימה אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
יום א' פרשת וישלח תשפ"ב

**האדמו"ר מוואסלוי שליט"א הציג את בנו הרב יעקב שלמה היילפרין שליט"א:** ער איז אן איידעם אין טשורטקוב. זיין שווער האט געהייסן הרב דוד משה פרידמאן ז"ל, א זון פון הרה"צ ר' דוב בער (בערניו) פרידמאן זצ"ל, א זון פון הרה"ק ר' ישראל מטשורטקוב זצ"ל וועלכע איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק בעל פחד יצחק מבאיאן זצ"ל.

**רבינו שליט"א:** דאס הייסט אז זיין שווער'ס מאמע איז געווען א באיאנער טאכטער. כ'געדענק אז ווען דער באיאנער רבי זצ"ל איז געפארן קיין ארץ ישראל, האט ער זיך אפגעשטעלט אין לונדון צו באזוכן דעם שוועסטער.

**הרב יעקב שלמה היילפרין שליט"א:** דער באיאנער רבי זצ"ל האט צוויי מאל באזוכט ביים שוועסטער אין לונדון.

**רבינו שליט"א:** כ'זאג עס אלס חשיבות. ווייל פאר'ן באיאנער רבי זצ"ל איז דאך נישט געווען קיין לייכטער זאך צו פארן, ער איז דאך נישט געווען קיין געזונטע מענטש - אבער דאך פלעגט ער זיך אפשטעלן אין לונדון צו באזוכן די שוועסטער.

**הרב יעקב שלמה היילפרין שליט"א:** דאס ערשטע מאל נאכ'ן קריג וואס ער איז געפארן קיין לונדון, איז געווען בשנת תשי"ג און ער איז דעמאלט געפארן מיט א שיף פון די מיליטער.

**האדמו"ר מוואסלוי:** הרה"צ ר' בערניו זצ"ל איז נאך אוועק פארן קריג. ער האט איבערגעלאזט צוויי קינדער: זיין שווער הרב דוד משה זצ"ל און א שוועסטער.

**רבינו שליט"א:** אה, הייסט אז דאס זענען קינדער פון רבי בערניו זצ"ל. כ'האב נישט געוואוסט אז ס'זענען געבליבן קינדער.

**האדמו"ר מוואסלוי:** הרב דוד משה הנ"ל האט איבערגעלאזט דריי קינדער: מיין זונ'ס רעבעצין און צוויי ברודער'ס: הרב ישראל פרידמאן שליט"א וואס וואוינט אין מאנטשעסטער, ער האט דארט א ביהמ"ד און ער איז א מחבר ספרים. און נאך א ברודער הרב דוב בער פרידמאן שליט"א מטשורטקוב-אנטווערפן וועלכע איז א מחותן מיט כ"ק אדמו"ר מבאיאן שליט"א.

### הרה"ק ר' ישראל מטשורטקוב זצ"ל

**רבינו שליט"א:** כ'האב געזען די ספרים פון הרב ישראל שליט"א מטשורטקוב-מאנטשעסטער. ווען כ'האב עס געזען איז מיר ממש געקומען צו וויינען, ווייל מיין שווער ז"ל האט מיר געזאגט, אז ער האט עטליכע מאל געהערט ווי הרה"ק ר' ישראל מטשורטקוב זצ"ל פלעגט זאגן 'ברכת התורה'. ער האט דערציילט אז דער טשורטקובער זצ"ל איז געזעצן אין זיין צימער און ער האט אזוי געוויינט מיט בכיות נוראות, אז מ'האט עס געקענט ארויסהערן ביז אינדרויסן פון צימער! האב איך געקלערט צו זיך ווען כ'האב געזען ספרים פון זיינ'ס אן אייניקל, אז די הייליגע טרערן זענען נישט געגאנגען לאיבוד!... נו, דאס איז אויך חל אויף אייערע קינדער!...

**האדמו"ר מוואסלוי:** ווי אזוי איז אייער שווער זצ"ל אנגעקומען קיין טשורטקוב?

**רבינו שליט"א:** דער זיידע דער סקאליע רבי זצ"ל האט געוואוינט אויף 'דיהיינע טראססע' אין שטאט וויען, און דער טשורטקובער זצ"ל האט געוואוינט אויף די זעלבע גאס. מיין שווער זצ"ל איז דעמאלט געווען א בחור און ער פלעגט זיך דרייען ביי אלע רוזינער רבי'ס און די אדמורי"ם ורבנים פון וויען.

מיין שווער זצ"ל האט זיך דעמאלט באקענט מיט כ"ק אדמו"ר בעל אביר יעקב מסאדיגורא זצ"ל.

די בילדער וואס זענען געבליבן פון אים, זעט מען א צורה פלאי פלאים. מ'האט דערקענט א געוואלדיגע

אצילות וואס איז אויסגעגאסן אויף זיין פנים. אפילו ער האט טאקע נישט געהאט דעם גרויסן ארום און ארום, אבער ווי ער איז געקומען האט מען געזען אז דאס איז 'א רבי'!...

**האדמו"ר מוואסלוי:** כ'האב אויך זוכה געווען צו קענען דעם אביר יעקב זצ"ל. אלס בחור בין איך געווען ביי אים אין ארץ ישראל אפאר מאל.

**רבינו שליט"א:** דער אביר יעקב זצ"ל האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער און ווען ס'איז געקומען א בנש"ק, האט ער זיך מער אפגעגעבן מיט יענעם.

מיין שווער זצ"ל האט מיר דערציילט, אז זיין פאטער דער סקאליע רבי זצ"ל האט אים געזאגט: "אויב ווילסטו זוכה זיין צו שימוש תלמידי חכמים במלוא מובן המילה, זאלסטו אריבערגיין אין שפיטאל ווי ס'געפונט זיך יעצט דער ראגעטשובער גאון און גיי באדין אים!"... מיין שווער זצ"ל איז דעמאלט אירבערגעגאנגען צום ראגעטשובער גאון זצ"ל און האט זיך שטארק אפגעגעבן מיט אים און אים באדינט. ער האט אויך געברענגט 'כשר'ע מילך' וואס דער גאון זצ"ל האט וויכטיג געדארפט האבן, ווייל ער האט נישט געוואלט טרינקען די מילך פון שפיטאל. די באבע ע"ה איז ספעציעל געגאנגען צום מעלק און דער ראגעטשובער זצ"ל האט זיך אויסגעדרוקט צו מיין שווער זצ"ל, אז ער האט אים געטון א געוואלדיגער נחת רוח.

מיין שווער זצ"ל האט מיר דערציילט, אז איין טאג איז אנגעקומען אין שפיטאל א גרויסער רב - ער האט מיר נישט געוואלט זאגן א נאמען, ווייל ער איז געווען זייער אן אפגעהיטענער יוד - און יענער רב האט געוואלט רעדן אין לערנען מיטן ראגיטשובער זצ"ל. אינמיטן שמועס האט אים דער רוגטשובער געגעבן א זעץ אויף די הענט און געשריגן: "עם הארץ!"... דער רב איז געווארן אינגאנצן באליידיגט... דער רוגעטשובער האט עס אבער באלד ממתיק געווען און געזאגט: "ניין, ניין. מיינע 'עמי הארצים', זענען נאך גרויסע תלמידי חכמים. נעמט אייך נישט צום הארצן"... אזוי האט ער עס פארווישט...

**האדמו"ר מוואסלוי:** פון ווי איז 'סקאליע' געקומען פאר וויען?

**רבינו שליט"א:** פון שטאט סקאליע. מיר קומען דאך בעצם פון אוקריינא, פון מעזיבוזש. מיר זענען בן אחר בן פון הרה"ק ר' יוסף מיאמפאלי זצ"ל. זיין זון הרה"ק ר' איציקל ממעזיבוזש זצ"ל איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק דער רבי רבי ברוכ'ל מעזובזשער זי"ע.

אינטערסאנט, אז אלע רוזינער רבי'ס האבן געשריבן אויפן זיידן דעם טיטול 'שאר בשרי'. כ'האב אמאל געפרעגט דעם זיידן ז"ל און ער האט מיר געזאגט, ווייל די מאמע פון אונזער זיידע הרה"ק ר' שמואל וואחניוווקא זצ"ל (חותן רביה"ק בעל אמרי ברוך זצ"ל) איז געווען א טאכטער פונעם 'משנת חכמים', וואס איז געווען א שוועסטער פון די מאמע פון הרה"ק ר' שלום שכנא מפרוביהשט זצ"ל. דאס הייסט אז ער איז געווען אן ערשטן שוועסטער קינד מיט ר' שלום פרובהישטער.

דער זיידע ז"ל פלעגט אלעמאל באוואונדערן, אז געווענליך זענען 'בני משפחה' נישט קיין חסידים, אבער הרה"ק ר' שלום זצ"ל האט געהאט א שוואגער הרה"ק ר' אריה לייב מבענדער זצ"ל[א] און דאך איז ער געווען א שטארקע חסיד פון זיין שוואגער רבי שלום זצ"ל!

**האדמו"ר מוואסלוי:** מיר זענען אויך אייניקלעך פון הרה"ק מבענדער זצ"ל.

**רבינו שליט"א:** הרה"ק ר' שמואל מוואחניוווקא זצ"ל איז אויך געווען א חסיד פון רבי שלום זצ"ל. ס'איז דא א בריוו וואס הרה"ק מרוזין זי"ע האט געשריבן אויף הרה"ק ר' שמואל זצ"ל ווען ער האט זיך געצויגן קיין יאס, אז מ'זאל אים שטארק מכבד זיין און נוהג כבוד זיין, "כי הוא היה מהיושבים בראשונה במלכות אבי".

אין ספר 'קנת סופרים' ברענגט ער אז זיין פאטער האט נאך געזען דעם בריוו וואס איז געשריבן געווארן בשנת תקצ"ב.

הרה"ק ר' ישראל חריף זצ"ל מסאטינוב ברענגט אים

---

א. נולד בשנת תקל"ב. חתן בזוו"ר אצל הרה"ק ר' אברהם מקאריסטשוב זצ"ל חתן הרה"ק המאור עינים מטשערנוביל זצ"ל, ובזוו"ש חתן הרה"ק יהודה מאיר משפיטיווקא זצ"ל בן הרה"ק ר' פינחס מקאריץ זצ"ל. נפטר ג' תמוז תרי"ד.


## ניתן להשיג קונטרס 'אמרי רפאל' לחנוכה

**מהדורת דוגמא**

## בהיכל בית מדרשינו

Talmud Torah
Kedushas Eliezer
**Skolye**

# תלמוד תורה
## קדושת אליעזר
# סקאליע

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Main office: 927 mcdonalds Ave | Brooklyn NY11218
T: 718.972.1515 | F: 646.968.8484

צוליב דער גרויסער נאכפראגע טוען מיר
מודיע זיין פאר אלע חשוב'ע עלטערן אז די

# רעגיסטראציע

איינצושרייבן אין אונזער בארימטער תלמוד תורה

פאר'ן קומענדיגן
שנת הלימודים תשפ"ו

# איז אפן

געדענקט! פלעצער זענען באגרעניצט,
כדי זיך צו פארזיכערן אייער פלאץ שיקט אריין אייער אפליקאציע

**ביז קומענדיגן ט"ז טבת הבעל"ט**

אונזער געטרייע און בארימטע שטאב

**מומחה עצום בשדה החינוך וקריאה**
**הרב יעקב יואל שימאנאוויטש** שליט"א

**מחנך מומחה**
**הרב יואל יהושע קריינדלער** שליט"א

**מחנך מומחה**
**הרב יחזקאל שלמה ראזענבערג** שליט"א

סקאליע חדר האט ב"ה קונה געווען דעם זעלטענעם כתר שם טוב אלס דער אויסגערופענער חדר אין עיר ואם בישראל בארא פארק, געאייגנט בלויז פאר אויסדערוועלטע תורה'דיגע שטיבער וואס צילן געבן פאר זייערע קינדער אן ערליכן חינוך אויף א העכערן סטאנדארט, מיט פערזענליכע און אינדיווידועלע אטענשאן פאר יעדן קינד, דורכגעווייקט מיט אמונה בה' על פי דרך החסידות ותלמידי בעשה"ק, מיט תלמידים פון היימען וועלכע האבן נישט קיין שום שייכות מיט טעכנאלאגישע כלים ה"י.

**איבערצושמועסן סיי וואס**
**איבער'ן קומענדיגן שנת הלימודים**
קען מען רופן אונזער געטרייען
**מנהל רוחני הרב יודל בראנער**
**718.972.1515 #3**

**צו באקומען א**
**רעגיסטראציע פארעם**
רופט אריין אין אפיס פונעם תלמוד תורה:
**718.972.1515 #2**

אין זיין ספר 'עטרת תפארת ישראל' און ער רופט אים 'מורי ורבי'.

**הרב יעקב שלמה היילפרין שליט"א:** הרה"ק ר' שמואל זצ"ל איז נישט געווען א תלמיד הבעשטה"ק?

**רבינו שליט"א:** דאס איז געווען הרה"ק ר' שמערל זצ"ל, נישט 'רבי שמואל'. זיי האבן טאקע געוואוינט אין די זעלבע שטאט. כ'ווייס נישט צו זיי זענען געווען קרובים.

דער זיידע ז"ל פלעגט דערציילן, אז הרה"ק ר' שמואל זצ"ל איז געווען דער רבי פון הרה"ק מרוזין זי"ע, ווייל דער רוזינער זי"ע איז נאך געווען א קינד ווען זיין פאטער איז נסתלק געווארן.

אין ספר קנת סופרים ברענגט ער אויך, אז נאכ'ן הסתלקות פון רבי שלום זצ"ל, איז רבי שמואל זצ"ל געפארן קיין טבריה און ער האט דארט געוואוינט צען יאר ביז ער איז נפקד געווארן מיט קינדער און שפעטער האט ער זיך געצויגן קיין יאס. דער רבי ר' ברוכ'ל זי"ע האט געהייסן 'דרובהיטשער'.

**האדמו"ר מוואסלוי:** אינטערסאנט אז די אלע בן אחר בן, האט יעדע ענף געהאט אן אנדערע נאמען...

**רבינו שליט"א:** הרה"ק ר' יוסף מיאמפאלי זצ"ל האט אויך נישט געהאט קיין נאמען און אלע זיינע דריי קינדער האבן געהאט אנדערע נעמען: הרה"ק ר' חיים סאטינובער האט געהייסן 'מאסקאוויטש', הרה"ק ר' ישראל מטולטשין זי"ע האט געהייסן 'זק' – ר"ת זרע קודש, און הרה"ק ר' יצחק ממעזיבוזש זי"ע האט געהייסן 'דרובהיטשער'. נאר זיין זון דער זיידע דער אמרי ברוך זצ"ל האט חתונה געהאט קיין רומעניע און ער האט זיך געמוזט טוישן דעם נאמען.

**האדמו"ר מוואסלוי:** מיר זענען דאכצעך אייניקלעך פון יאמפאלי, סיי דורך סאווראן און סיי דורך משפחת בענדער: הרה"ק ר' יצחק מבענדער זצ"ל בן הרה"ק ר' שמעון שלמה מסאווראן חתן הרה"ק ר' יוסף מראדוויל זצ"ל.

כ'האב געקענט א פרוי וואס האט געוואוינט אין שטאט 'עמנועל' אין ארץ ישראל, זי האט געהייסן 'רויזא', און זי האט מיר געוויזן בילדער פון איר זיידע און זי האט דערציילט אז זי איז אן אייניקל פון סקאליע.

**רבינו שליט"א:** יא, כ'ווייס פון וועמען איר רעדט. כ'ווייס נישט ווי אזוי זי האט געהייסן אויפן נאמען, אבער זי איז געווען א טאכטער פון כ"ק הרה"צ ר' שמואל אברהם זצ"ל אדמו"ר ממעזיבוזש, א זון פון הרה"ק ר' אליעזר חיים מיאמפאלי זי"ע.

**האדמו"ר מוואסלוי:** יא, כ'דערמאן זיך אז זי האט מיר געוויזן א בילד פון איר זיידע הרה"ק ר' אליעזר חיים זי"ע.

**רבינו שליט"א:** ריכטיג. דאס איז געווען איר טאטנ'ס טאטע. זי איז אויפגעוואקסן אין אמעריקא, אבער זי איז געווען א קלוגע פרוי און גוט פארשטאנען צו 'רעבישקייט'.

**האדמו"ר מוואסלוי:** יא, יא... זי פלעגט אסאך אריינקומען צו מיר.

**האדמו"ר מוואסלוי נתן לרבינו שליט"א ספר 'תורת יהושע' מחותנו הגה"צ ר' יהושע העשיל ברים זצ"ל ראש ישיבת רוזי'ן באיאן**

## הגה"צ ר' יהושע העשיל ברים זצ"ל
### ראש ישיבת רוזין-באיאן

**האדמו"ר מוואסלוי:** מיין בני בית ע"ה איז געווען א טאכטער פון הגה"צ ר' יהושע ברים זצ"ל. דעם ספר האבן די קינדער צוזאמגעשטעלט.

**רבינו שליט"א:** כ'בין דאך א תלמיד פון ר' יהושע ברים זצ"ל! כ'האב דאך געלערנט אין ישיבת באיאן. כ'געדענק אז אמאל אין א הייסע זוממערדיגע טאג, האב איך געזען ר' יהושע זצ"ל זיצן ביי זיך אין שטוב, די פענסטער'ס זענען דאך געווען אפן און מ'האט געקענט אריינזען, ווי ר' יהושע לערנט: מ'האט נישט געקענט דערקענען צו ער לערנט יעצט פאהר א שיעור אדער ער לערנט חובת הלבבות... ער האט געלערנט מיט די זעלבע קאך! ער איז געווען אביסל א בלאסער, אבער ווען ער האט געלערנט איז ער געווארן רויט אויפן פנים! ס'האט געפלאקערט! אזוי פלעגט ער דאווענען און אזוי פלעגט ער לערנען. מיט א חיות, מיט א התלהבות, מיטן גאנצן ברען! אה! די יונגערע וויסן נישט פון וואס מ'רעדט...

כ'געדענק אז ס'פלעגן זיין אזעלכע וואס האבן געמאכט ווערטלעך: 'ברים' איז דאך 'ב'ן ר' י'צחק מ'איר' – ע"ש זקינו הרב יצחק מאיר קלגסברון זצ"ל, א פייערדיגער צאנזער חסיד - אז די התלהבות וואס רבי יהושע פארמאגט, קומט פון צאנז...

**הרב יעקב שלמה היילפרין שליט"א:** דער רבי געדענקט נאך עפעס פון זיידן רבי יהושע זצ"ל?

**רבינו שליט"א**: אנהויב ווען כ'בין אריינגעקומען אין ישיבה, האב איך זיך זייער געמוטשעט אויף זיינע שיעורים, ווייל ער פלעגט אויפקומען מיט שווערע

זאכן. ס'האט מיר גענומען אפאר חדשים ביז כ'האב געכאפט, אז אזוי ווי ער איז א תלמיד פון הגאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל בעל אבן האזל, פלעגט ער אנהייבן דעם שיעור מיטן 'אבן האזל' און אויפדעם האט ער געבויעט בנינים. ממילא פלעג איך זיך פארקוקן 'אבן האזל' און ווען כ'האב געקענט דעם אבן האזל, האב איך שוין פארשטאנען זיינע שיעורים...

כ'וועל אייך דערציילן א מעשה: כ'האב געלערנט אין באיאן, אין סוף כ' יארן. אין ישיבה זענען דעמאלט נישט געווען אזויפיל אמעריקאנער בחורים, ווייל מ'איז נישט געפארן דעמאלט אזוי ווי היינט... איינמאל האט דער משגיח הרב אברהם לייב זצ"ל געגעבן א קלאפ אויס, אז אלע אמעריקאנער בחורים זאלן גיין צום ראש ישיבה'ס אפיס, ווייל דער ראש ישיבה וויל רעדן מיט די אמעריקאנער בחורים. די בחורים זענען אריין אין אפיס ואני בתוכם. נאך איידער ער האט אנגעהויבן רעדן, האט ער געגעבן א זאג: "גאלדשטיין! דו קענסט גיין, דו ביסט נישט קיין אמעריקאנער!"...

כ'האב נישט געוואוסט וואס ער האט געמיינט מיט דעם, ביז די בחורים האבן מיר שפעטער מסביר געווען: אין יענע יארן איז נישט געווען וואס צו עסן אין ישיבה. ס'איז געווען א טיש אין חדר האוכל, ווי ס'זענען געזעצן דריי בחורים פון איין זייט און נאך דריי בחורים פון די אנדערע זייט, און אויף יעדן טיש זענען געלעגן 'זעקס רעפטלעך ברויט'. דאס האט יעדער געוואוסט, אז אויב נעמט מען מער ווי איין שטיקל ברויט, וועט איין בחור נישט האבן וואס צו עסן... אפגערעדט אז ס'איז נישט געווען קיין געלט פאר מילך און מ'האט געטרינקען 'טיי' אנטשטאט מילך... שטעלט אייך פאהר!...

עכ"פ, די אמעריקאנער בחורים פלעגן זיך קויפן גוטע עסן פון די רעסטוראנטן און פלעגן קומען אין ישיבה מיט א קליין זעקעלע און פלעגן זיך זעצן עסן. איינע פון די משגיחים האט באמערקט אז ס'ווערט א שטיקל קנאה צווישן די ארץ ישראל'דיגע בחורים, ווייל זיי האבן אויך געוואלט קויפן גוטע עסן, נאר זיי האבן נישט געהאט קיין געלט. דערפאר האט דער ראש ישיבה אריינגערופן די בחורים און ער האט געבעטן אז מ'זאל נישט עסן די געקויפטע עסן ווען די ארץ ישראל'דיגע בחורים זענען דארט... אבער אזוי ווי איך פלעג נישט קויפן אין רעסטוראנט, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז 'כ'בין נישט פון די אמעריקאנער'...

מיין פאטער ע"ה האט מיר גראדע יא געשיקט געלט פון אמעריקא, ווייל ער האט דאך געוואוסט אז מ'געבט נישט געהעריג צו עסן אין ישיבה, אבער ס'איז מיר געווען א שאד צו קויפן עסן און כ'פלעג מיט דעם איינקויפן ספרים... אלס 'כיבוד אב' פלעג איך גיין איינמאל א וואך צו א יוד אין מאה שערים - א פריוואטע מענטש, נישט א רעסטוראנט — און ער האט מיר געגעבן א פליישיגע נאכטמאל.

**האדמו"ר מוואסלוי:** אזעלכע יודן ווי דער שווער, זענען נישט דא היינט!... זיי זענען געווען דריי ברודער איינער גרעסער פונעם צווייטן: הגאון ר' אברהם חיים, הגאון ר' משה און הגאון ר' יהושע זצ"ל. (בני הגאון ר' מרדכי דוד ברים זצ"ל).

יארן לאנג האט ער געוואוינט אין א קליינע דירה פון 'איין צימער' מיט צוועלף קינדער! ווען איך האב חתונה געהאט, איז שוין געווען דריי צימערן, אבער פארדעם איז נאר געווען 'איין צימער' און אזוי האט מען געלעבט!

**רבינו שליט"א:** און מיט דעם אלעם, איז ער געווען מלא חיות! די חיות האט ער געהאט פון תורה ותפלה!

**האדמו"ר מוואסלוי:** אה! אן אנדערע וועלט געווען!

**הרב יעקב שלמה היילפרין שליט"א** מ'האט טאקע געמאכט אן הקדמה אין דעם ספר, איבער זיין אהבת התורה און זיין חיות. ס'וועט זיין א חשיבות אויב דער רבי וועט עס איבערקוקן און מוסיף זיין הארות.

### רבינו שליט"א כיבד בלחיים

**רבינו שליט"א בירך להרה"ג ר' משה היילפרין שליט"א שעמד באמצע שבע ברכות לבנו החתן נ"י:**

מזל טוב, די זיווג זאל עולה יפה זיין. דער אויבערשטער זאל העלפן אז דאס נייע פאהר פאלק זאל זיין א מעיין פון נחת רוח פאר ביידע משפחות און ס'זאל נמשך ווערן די שלשלת הקודש לתפארת בית אבותם.

**האדמו"ר מוואסלוי:** דער אויבערשטער זאל העלפן, דער רבי זאל זען אסאך נחת פון דעם אייניקל און פון אלע אייניקלעך מתוך שמחה והרחבת הדעת, דורות ישרים ומבורכים.

**רבינו שליט"א:** דער אויבערשטער זאל העלפן, סייעתא דשמיא און הצלחה, איר זאלט זיין געזונט מיט אריכת ימים ושנים טובים און זען אסאך נחת פון די קינדער און אייניקלעך, בשורות טובות. ונפרדו לשלום.

# בקודש פנימה

**ב' וישב** נכנס בקודש פנימה, כ"ק **האדמו"ר מבורשטיין** שליט"א, ושחחו למשך זמן בידידות רב, והתעניין אודות מצב הבריאות אצל כ"ק רבינו שליט"א.

**ליל ה' וישב** ערך רבינו שליט"א שולחנו הטהור וסעודת הילולא לרגל הילולא קדישא של מרן רביה"ק רבי ברוך ממעזיבוזש זי"ע, בהיכל בית מדרשינו, וזכינו לשמוע דברות קודש במשנתו הטהורה של בעל הילולא.

לאור מצב הבריאות של רבינו שליט"א, לא התקיים השבוע 'שיעור בתורת החסידות'.

ברגש קודש מתכוננים קהל אנ"ש לקראת ימי החנוכה הממשמשים ובאים, ובצפיתנו ציפינו שנזכה לראות עין בעין בהדלקת השלהבת קודש ע"י מרן מאור חיינו כ"ק רבינו שליט"א.

בעז"ה במשך ימי החנוכה ידליק רבינו שליט"א את הנרות בשעה 9:00 בדיוק בהיכל בית מדרשינו. בליל זאת חנוכה ידליק בשעה: 10:00 ואח"כ יערוך שולחן הטהור.

בליל ששי ויגש הבעלל"ט יתקיים **מעמד 'שריפת הפתילות'**, בתופים ובמחולות וברוב המון חוגג בהיכל בית מדרשינו.

## ~ ברכת מזל טוב לאנ"ש ~

**הרה"ח ר' לוי ראזענבערג הי"ו**

**משב"ק מרן רביה"ק זי"ע**

**ובנו הרב יחזקאל שלמה ראזענבערג הי"ו**

**מלמד מומחה במוסדותינו הק'**

לרגל שמחת הולדת הבת תחי' למז"ט

**ר' שלמה זלמן קאלאדני הי"ו**

לרגל שמחת נישואי בתו הכלה תחי' למז"ט

**ר' משה ליכט הי"ו**

לרגל שמחת נישואי בתו תחי' למז"ט

**ר' ישראל קריבוס הי"ו**

לרגל שמחת נישואי בתו הכלה תחי' למז"ט

**ר' יעקב אליהו פרענקל הי"ו**

לרגל שמחת הולדת הבן ני"ו למז"ט




A night to remember

# In a space to impress

SKOLYE

Talmud Torah Hall

**718.600.6633**

skolyehall@gmail.com

927 McDonald Ave.
Brooklyn NY 11218

WHEELCHAIR ACCESSIBLE

up to **75 couples**

templatemedia@gmail.com

בית המדרש תולדות יצחק

# דחסידי סקאליע

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

4433 — 18 Ave.

ערב חנוכה תשפ"ה

# הדלקת נרות חנוכה

ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

# בשעה: 9:00

## בכל ימי החנוכה

## בהיכל בית מדרשינו

ולאחר מכן שולחן הטהור וחלוקת 'מטבעות קודש'

ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

**זמן הדלק"נ מיטוואך ויגש - זאת חנוכה: 10:00**


י"ל מדי שבוע בשבוע ע"י

**מכון באר יצחק סקאליע**

לקבל הגליון: skolyagilyon@gmail.com

**קול סקאליע**

ארה"ב: 605.313.1833

ארה"ק: 02.313.6041

טעל: 347.452.5788 • אדרעסס 4433 18th Ave. Brooklyn NY 11204 • כל הזכיות שמורות